ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



**י"ח שבט תשס"ה** | **פרשת יתרו**

טייערע קינדער שלוחים,

דעם שבת איז זייער א גרויסער שבת!! דעם שבת איז דער כינוס השלוחות לכבוד כ"ב שבט, דעם יארצייט פון רביצין חי' מושקא. מסתמא וועלן אסאך פון אייך זיין אין קראון הייטס אויף דעם כינוס, צוזאמען מיט אייערע מאמעס. מיר קענען ניט ווארטן אייך צו זען!

איך בין זיכער אז איר וועט זייער הנאה האבן פון דעם שיינע פראגראם וואס וועט זיין פאר די קינדער שלוחות! עס איז גוט פאר אייך צו האבן דעם געלעגנהייט צו זיין אין 770, דאווענען ביי דער רבי'ס אהל, און בכלל צו זען אזוי פיל אנדערע שלוחות פון גאנצן וועלט און אלע אייערע משפחה וואס קומט צוזאמען.

קינדער, מיר האבן אסאך צו לערנען פון רביצין חי' מושקא ווי איר וועט ווייטער לייענען, און דורך דעם וואס מיר וועלן זיך פירן אין אירע וועגן וועלן מיר שוין זוכה זייך צו משיח. מיר וועלן זיין שוין זען מיט דער רבי און רביצין חי' מושקא און האבן דעם כינוס אין ירושלים!!

איידלה וועכטער

## לעבן מיט דער צייט

### פרשת יתרו

אנכי ה' אלקיך

די עשרת הדברות הויבן זיך גלייך אן מיט: **"אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"** (איך בין דיין ג-ט וואס האט דיך ארויסגענומען פון ארץ מצרים).

צום אלעם ערשטן זאגט דער אויבערשטער צו יעדער אידן, און ספעציעל אידישע קינדער פון "צבאות השם":

**"אנכי ה' אלקיך"** - איך בין דיין ג-ט, דיין שטארקייט!

און - **"אשר הוצאתיך מארץ מצרים"**: איך אליין האב דיך ארויסגענומען פון גלות, פון ארץ מצרים.

דאס איז אויך אן אנווייזונג פאר אלע אידן אויף אלע צייטן. א איד קען ביי זיך פרעגן: מיט וואס פאר א כח קען מען איבערקומען דעם גלות און צוגרייטן זיך אויף אויפנעמען משיח'ן, "נאו"?

ענטפערט די תורה, אז דער אויבערשטער אליין האט זיך פארנומען מיט ארויסנעמען די אידן פון מצרים, און וויבאלד **"בכל דור ודור (וכל יום ויום) חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא (היום) ממצרים"** (אין יעדער דור דארף א איד זיך באטראכטן ווי ער אליין גייט ארויס היינט פון מצרים) - איז דאך זיכער, אז אויך איצט, וועט דער אויבערשטער אליין, דער "קאמענדער-אין-טשיף" פון "צבאות השם", ארויסנעמען יעדערן פון אונז צוזאמען מיטן גאנצן אידישן פאלק פון גלות!

*(פון דער רבי'ס רעדעס צו קינדער – שיחת י' סיון תשמ"ב)*

## דעם חסידיש'ן לוח

### כ"ב שבט תשמ"ח



**יארצייט פון רביצין חי' מושקא**

א רויז א שיינע<br>
נשמה א ריינע<br>
צו זען איר די הארץ ווי עס וויל.<br>
אבער איר שטרעבן<br>
דורך איר לעבן<br>
אז אלץ זאל בלייבן ביי איר שטיל.

אין דעם שטילקייט,<br>
לעבט א שטארקייט,<br>
פון דער רבי'ס שטארקסטע חסיד.<br>
אז אין יעדער ארט,<br>
נאר דער רבי'ס ווארט<br>
<u>ביטול מוחלט</u> צו דער נשיא!

און מיר אירע קינדער<br>
קוקען אין וואונדער<br>
א פולע לעבן אזוי,<br>
און היינט אויף דעם טאג<br>
ווי דער רבי'ס אנזאג<br>
"והחי יתן אל לבו."

מיט איר, אונזער דוגמא<br>
מען טאנצט צו גאולה<br>
מיט אלעמען, "והיא בתוכם"<br>
"והקיצו ורננו שוכני עפר"<br>
און ווי דער רבי זאגט "והיא בראשם!"

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org



# רביצין זי״ה מושקא

## רביצין חי׳ מושקא

רביצין חי׳ מושקא איז געבארן געווארן כ״ה אדר תרס״א צו אירע עלטערן: דער רבי פריערדיקע רבי און רביצין נחמה דינה. זי האט שוין פון יונגווייז אן אריינגענומען די הייליקייט פון איר טאטע און זיידנס שטוב.

רביצין חי׳ מושקא האט זיך אויסגעצייכנט אין איר קלוגקייט און איר צניעות - איר שטילע וועג פון פירן זיך.

אין יאר תרפ״ז ווען מען האט דער פריערדיקע רבי גענומען אין טורמע, האט זי גענומען א גרויסע חלק אין זיין באפרייאונג.

אויף י״ד כסלו תרפ״ט האט זי חתונה געהאט מיט דער רבי, נשיא דורנו, אין ווארשע. און כ״ח סיון תש״א זיינען זיי געקומען צו אמעריקא.

רביצין חי׳ מושקא איז געווען דער רביצין, אבער מען האט איר כ׳מעט ניט געזען. זי האט ניט געוואלט אז מענטשן זאלן איר געבן כבוד. געוויסע מענטשן האבן געהאט א פערזענליכע קשר מיט דער רביצין און האבן דעציילט מעשה׳ס פון איר גוטסקייט און קלוגשאפט און בעיקר פון איר אויסערגעוויינליכע איבערגעגעבנקייט צו דער רבי.

איינמאל ביי א שמחת תורה פארברענגען האט דער רבי געהייסן איבער דרייען די גלעזער. ווען מען איז געקומען דערציילן דער רביצין האט זי גלייך איבערגעדרייט א בוטל משקה וואס איז געווען אויפן טיש!

רביצין חי׳ מושקא איז געווען די וואס האט געזאגט אז ״דער רבי און די ספרים באלאנגען צו חסידים!״ וואס דאס האט געברענגט די נצחון פון די ספרים.

דער רביצין האט גערעדט אויף דער וויכטיגקייט פון רעדן אידיש. ״אין די מלחמה, ווען מיר זיינען אלע אנטלאפן פון די נאציס ימ״ש, זיינען געווען צוזאמען אידן פון אלע פלעצער. וואס האט אונז פארבונדען? דעם שפראך פון אידיש וואס אלע האבן גערעדט!״ האט זי געזאגט.

רביצין חי׳ מושקא האט זיך זייער אינטערעסירט אין די לעבן און הצלחה פון די שלוחים. זייערע שוועריקייטן זיינען געווען אירע שוועריקייטן און זייערע הצלחה האט איר פארשאפט פערזענליכע נחת.

מיטוואך כ״ב שבט, תשמ״ח האט דער רביצין געבעטן א גלאז וואסער, און פונקט אזוי ווי רביצין רבקה, און רביצין שטערנא שרה, וואס זיי זיינען אויך אוועק אין חדש שבט, האט זי געזאגט א ברכה און צוריקגעגעבן איר הייליקע נשמה צום אויבערשטן.

דער רבי האט גלייך געהייסן זאגן די שלוחים.

איר גרויסע לווי״ איז געווען דעם נעקסטן טאג. רביצין חי׳ מושקא איז באגראבן געווארן אין די בית החיים פון אגודת חסידי חב״ד אין קווינס גלייך אנטקעגן דעם אהל פון איר הייליקע טאטע.

דער רבי האט גלייך געבעטן אויפשטעלן נייע מוסדות אין איר זכות און געהייסן אז ״והחי יתן אל לבו״, מיר אלע דארפן נעמען הוראות פון איר ספעציעלע לעבן און פירן זיך ווי איר - טאן וואס מען דארף און אוועקלויפן פון כבוד- טאן אלץ אין א איידעלע צניעותדיקע אופן!

דער רבי האט געזאגט אז מיר זאלן שוין זוכה זיין אויף משיח ווען ״והקיצו ורננו שכני עפר (אלע וואס ליגן וועלן אויפשטיין און זינגען) - והיא בתוכם, והיא בראשם -און זי וועט זיין ערשט!

### כ״ד שבט
### יארצייט פון רביצין מנוחה רחל סלאנים

רביצין מנוחה רחל איז געבארן געווארן צו דער מיטעלער רבי און רביצין שיינא אויף י״ט כסלו תקנ״ט - דעם טאג וואס דער אלטער רבי איז ארויסגעקומען פון טורמע.

רביצין מנוחה רחל האט זייער געוואלט פארן צו ארץ ישראל און טאקע אין יאר תר״ה איז זי געפארן מיט איר גאנצע משפחה צו ארץ ישראל. פאר זי איז געפארן איז זי אריינגעגאנגען צו איר שוואגער- איר שוועסטער חי׳ מושקא׳ס מאן- דער צמח צדק בעטן א ברכה. זי האט זייער מורא געהאט פון די גרויסע רעגענס וואס זיינען געווען אין יענע צייט און דער צמח צדק האט איר געזאגט ״האב ניט קיין מורא, דו וועסט פארן צווישן די טראפנס וואסער!״ און טאקע ביזן סוף פון איר לעבן איז קיינמאל ניט געקומען אויף איר א טראפ רעגן!!

רביצין מנוחה רחל איז געפארן אין חברון און האט אויפגעשטעלט דארטן א ליובאוויטשער שכונה. אלע מענטשן פון חברון האבן געוואוסט וואס פאר א צדקת זי איז געווען און מען איז געקומען צו איר פאר ברכות. מען האט איר גערופען ״די באבע מנוחה רחל״.

גלייך פאר זי איז אוועק, האט זי אויסגערופען ״מיינע עלטערן זיינען דא!״ און איר הייליקע, ריינע נשמה האט זי צוריקגעקערט צום אויבערשטן.

אלע מענטשן פון חברון זיינען ארויסגעגאנגען צו איר לווי׳ און מען האט איר באגראבן אין חברון. ביז היינט גייען מענטשן צו איר הייליקע קבר אין חברון צו דאווענען.

## משיח נאו!!

אין שיחות פון בא און בשלח אין יאר תשנ״ב האט דער רבי ערקלערט וואס עס שטייט אין פרשה ווי די אידן זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים און האבן געזונגען שירה צו דער אויבערשטער. די מענער האבן געזונגען שירה מיט משה רבינו און די פרויען האבן געשפילט מיט מרים הנביאה אויף זייערע תופים– ״טאמבארינס״. פון וואנען האבן די פרויען געהאט תופים אין מדבר?

ענטפערט מען אויף דעם אז דורך די שווערע צייטן פון מצרים האבן די פרויען געהאט אמונה אין די רייד פון משה רבינו און האבן צוגעגרייט תופים וואס זיי וועלן נוצען ביי דעם גאולה! און ווער האט דאס געפירט? מרים - וואס איר נאמען מיינט מר– ביטער. אין צייט פון גלות, האט מרים געפילט צוויי זאכן– ביטערקייט אויף דער גלות, און די שטארקע אמונה אויף דעם קומענדיקע גאולה.

מיר דארפן לערנען פון דעם, אז מיר דארפן פילן צוויי זאכן. פון איין זייט, דער צער פון דעם גלות, און שרייען ״עד מתי!?״, און פון צווייטן זייט, האבן שטארקע אמונה אין די רייד פון דער רבי אז ״אט אט קומט משיח״ און גלייך יעצט פילן די שמחה אויף דעם!!



# דערציילט מיר א מעשה

## דער רביצין

פון איר אויסערגעוויינליכע ביטול...

איינמאל האט רביצין חי׳ מושקא געזאגט צו איינער, ״מיר האבן א טאץ פון צמח–צדק וואס הארנשטיין האט אונז געגעבן א מתנה. אבער איך האב דאס ניט גענוצט אונטער די לייכטער, ווייל ווי קום איך, א פשוט׳ע פרוי, נוצן א זוינע זאכן? איך קוק אויף דעם און יעמאלט פיל איך צוגעבונדען צו די משפחה״...

*דער רבי האט געזאגט זייער קלאר אז זי איז זיכער ניט ״א פשוט׳ע פרוי...״*

נשי חב״ד האבן איינמאל געשיקט בלומען צו רביצין חי׳ מושקא לכבוד איר יום הולדת. אויף דעם איז געווען א בריוו וואס האט אויך געהאט נעמען פון מענטשן וואס דארפן ברכות, אז מען זאל דאס איבערגעבן צום רבי׳ן. איינער האט געגעבן דעם בריוו צו דער רבי. ווען דער רבי האט געפרעגט פארוואס ברענגט מען עפעס וואס שטייט דער רביצינ׳ס נאמען צום רבי, האט מען געענטפערט אז די זיינען נעמען פון מענטשן וואס דארפן ברכות.

״נו״, האט דער רבי געענטפערט, ״זי קען אויך געבן ברכות!!״

בס"ד

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר מיטוואך, כ"ד שבט, און דו קענסט געווינען א פרייז! (718–221–0985)**

# שאלות אויף כ"ב שבט און פרשת יתרו



1. וועלכע טאג איז רביצין חי' מושקא געבארן געווארן? ________________________
2. ווער זיינען געווען אירע עלטערן? ____________________ און ________________
3. ווען האט זי חתונה געהאט? _______________________
4. וויאזוי ווייסן מיר אז די שלוחים זיינען געווען זייער טייער ביי איר? _____________ ______________________________________________________________
5. וואס האט זי געבעטן גלייך פאר זי איז נסתלק? ____________________________
6. וואס האט דער רבי געהייסן טאן נאך איר הסתלקות? _______________________
7. וואס קענען מיר זיך לערנען פון איר? ___________________________________ ______________________________________________________________
8. וואס איז געווען דער אויפטו פון רביצין מנוחה רחל? ________________________ ______________________________________________________________
9. וואס איז געווען די מעלה פון די אידישע פרויען אין צייט פון גלות מצרים? _______ ______________________________________________________________
10. וואס זיינען די צוויי זאכן וואס מיר זען ביי מרים הנביאה? ___________________ ______________________________________________________________

**די קינד וואס האט געוואונען—פרשת בשלח: לוי גרינברג, 9**

**נאמען:** ___________________________ **ווי אלט:** ____

**אדרעס:** ____________________________________________

**אי-מייעל :** ______________________________

הצלחה רבה!

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org